THE ISRAELITE PRESS
The only Jewish Newspaper in Western Canada.
דאס אידישע ווארט
Office and Place of Business: Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave., E.
Published daily except Saturday and Sunday.
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA.
Subscription: $6.00 per year.
Established 1910 Phones: 55 409—52 213
WINNIPEG — MANITOBA

דער בארג האט געבוירן א מויז

אלע אויגן פון דער וועלט זיינען פאר די לעצטע עטלאכע טעג געווען געווענדעט קיין לאנדאן — און געשפאנט געווארט אויף א ווארט אדער א ווארט פון טרייסט, ווייל אלע האפענונגען פאר א לייזונג פון דעם שווערן עקאנאמישן וועלט־קריזיס זיינען געווען אפהייגניק — לויט'ן אלגעמיינעם געפיל — פונ'ם שיקזאל פון דער לאנדאנער קאנפערענץ.

אמת, די דאזיקע קאנפערענץ, פאררופן אונטער העכסט דראמאטישע אומשטענדן, האט געהאט די אויפגאבע ניט מער ווי צו לייזן דייטשלאנדס פינאנציעלע פראבלעמען; אבער ווי פרעמיער מאקדאנאלד אליין האט דערקלערט ביי דער דערעפענונג פון דער קאנפערענץ, איז עס געווען פאר אלעמען קלאר אז דא האנדלט זיך ניט נאר וועגן דייטשלאנדס געפאר אליין, נאר טאקע וועגן א גרויסער וועלט געפאר. קיינער קאן זיך ניט פארשטעלן, האט דער פרעמיער געזאגט, וואס פאר א שיקזאל עס דערווארטעט די וועלט אויב די קאנפערענץ זאל ניט געפינען קיין לאזונג פאר די פראבלעמען וואס שטייען פאר איר.

האבן די 7 פארטרעטער פון די 7 מעכטיקסטע און רייכסטע לענדער פון דער וועלט געפונען א מיטל צו לייזן די ערנסטע, אבער דאך ניט צו שווערע אויפגאבע וואס איז פאר איר געשטאנען?

די קאנפערענץ איז שוין אפגעהאלטן געווארן. די 7 גרעסטע שטאטסמענער פון די 7 ווירקזאמסטע פעלקער פון דער וועלט (יעדנפאלס אויפ'ן פאליטיש עקאנאמישן געביט) האבן זיך פריינטלאך דורכגעשמועסט; די קאנפערענץ איז געשלאסן געווארן, די דעלעגאטן זיינען צוריקגעפארן — און וואס האבן זיי אויפגעטאן? האבן זיי אנגענומען יענע מוטיקע שריט וואס זיינען באמת נויטיק אום צו לייזן ענדגילטיק דעם עקאנאמישן וועלט־קריזיס?

ליידער ניט!

די 7 דאקטוירים האבן באטראכט דעם חולה און פארשריבן פאר אים א רעצעפט: 100 גראם און קאלטע קאמפרעסן פאר 3 מאנאטן צייט. אויב אין דריי מאנאטן ארום וועט דעם חולה ניט בעסער ווערן, וועט מען ווידער מאכן א קאנסולטאציע פון 7 דאקטוירים און אויב נויטיק וועט מען דאן מאכן אן אפעראציע.

און אפגעלייגט די אפעראציע (אויף צו שניידן די מלחמה חובות) האט מען ניט דערפאר וואס דייטשלאנד קאן דאס ניט אויסהאלטן, נאר פארקערט, דערפאר וואס זיי, די "דאקטוירים", זיינען ניט גרייט דערצו.

ווייל דייטשלאנד ליידעט פון א גוט באוואוסטער קראנקהייט: בלוטלאזיקייט. דאס ליידעט זי פון דעם חולאאת זינט דעם טרויעריק בארימטן ווערסייל אפמאך. לויט וועלכן די זיגרייכע מלוכות האבן זיך גענומען אויסזויגן דעם לעצטן טראפן בלוט פון דייטשלאנדס אפגעשוואכטן קערפער. עקספערטן האבן נאך דאן פאראויסגעזעען און געווארנט, אז דאס וועט פירן צו דייטשלאנדס צוזאמענברעכונג. האט מען זיך מיט דער מיינונג פון די אמת'ע עקספערטן ניט געוואלט רעכענען, — איז דאס איצט געשען: דייטשלאנד האט צוזאמענגעבראכן!

צו דעם איז דא בלויז איין מיטל: בלוט טראנספערירונג. די רייך געווארענע מלוכות דארפן איצט צוריק אריינשפריצן אין דייטשלאנדס קערפער א טייל פון זייער איבערפליסיקער בלוט. גלוסט זיך אבער די אנגעזאפטע מלוכות ניט אונטערגעבן צו אזא אפעראציע, כאטש זיי ווייסן אז דאס וואלט אלעמענס לאגע פארבעסערט.

האבן זיי דאס אפגעלייגט אויף שפעטער.

* * * * *

די אומרואיקע, ליידנדע מיליאנען געשעפטסלייט און ארבעטסלאזע פון גאר דער וועלט, — וועלכע האבן געלייגט אזויפיל האפענונגען אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ וועלן אנטוישט ווערן — איבערהויפט די דייטשן, וועלכע טראגן איצט די שווערסטע לאסט.

די 7 פינאנציעלע עקספערטן,— און צווישן זיי איז אויך געווען דער גרעסטער פינאנץ מיניסטער זייט אלעקסאנדער האמילטאן, דער בארימטער, מיסטעריעזער, מעכטיקער באנקיר, מעלאן, — איינער פון די רייכסטע און דערפאלגרייכסטע געשעפטסלייט אין דער וועלט, — וועלכער ווערט באטראכט ווי אן אמת'ער כשוף מאכער אויפ'ן פעלד פון פינאנץ, — די 7 פינאנציעלע עקספערטן האבן, לויט מאקדאנאלדס דערקלערונג, באוויזן איין גרויסע פעאיקייט — זיי האבן געהאנדלט איינשטימיק, און דאס איז, גלייבט מאקדאנאלד, א גרויסע דערגרייכונג.

אפשר האט ער רעכט. די קאנפערענץ האט צום ערשטן מאל זייט דער וועלט־מלחמה צוזאמענגעבראכט ביי איין טיש ניט נאר די איראפייאישע פארטרעטער, נאר אויך די פארטרעטער פון די פאראייניקטע שטאטן. צום ערשטן מאל, הייסט עס, זייט ווילסאן איז ארויסגעשטויסן געווארן פון דער אמעריקאנער פאליטיק, איז דער שטארקער לאזונג פון די אמעריקאנער. די אזוי גערופענע "מאנראו דאקטרין" באזייטיקט געווארן, און די אמעריקאנער שטאטסמענער האבן אנערקענט אז זיי קאנען זיך ניט מער האלטן פון דער ווייטנס, נאר אז זייערע אינטערעסן ווערן פונקט אזויפיל בארירט פון א וועלט קריזיס, ווי די איראפייאישע, און זיי מוזן זיך אריינמישן. די אמעריקאנער פארטרעטער ביי דער לאנדאנער קאנפערענץ זיינען ניט מער געווען בלויז "באאבאכטער". נאר גלייכע באלעבאטים מיט די איבעריקע דעלעגאטן. דאס איז געוויס א וויכטיקער געווינס אין א שריט פאראויס. א פרעצעדענט, וועלכער קאן פיל העלפן אין דער נאענטער צוקונפט.

אבער וואס אמבאלאנגט די קאנפערענץ זעלבסט, גראד דערפאר וואס אין איר האבן זיך באטייליקט אזוי פיל וויכטיקע פערזענלאכקייטן און איינפלוסרייכע פארטרעטער פון די גרעסטע מאכטן אין דער וועלט, האט מען געקאנט פון זיי דערווארטן פיל מער ווי עס האט זיך אויסגעלאזן, אבער ביז איצט "האט דער בארג געבוירן א מויז".

וועט מען מוזן ווידער... קראצן

א קראנקער, מיט גיפט אנגעשטעקטער, מיט מכות באדעקטער קערפער, קאן מען העלפן פאר א ווילע דורך אנשמירן אים מיט זאלבן. — און קראצן. אויסהיילן אים אינגאנצן קאן מען ניט, סיידן אויסרייניקן דאס בלוט מיט ראדיקאלע מיטלען.

פאר א קורצער צייט. ווייזט אויס האבן די פוילישע אידן געהאט אביסל רו. דער אויסערלאכער דרוק, קעגן דער רעגירונגס אידן־פיינטלאכער פאליטיק, האט געווירקט — ווי א שמיר־זאלב. איניקע האבן געמיינט אז דאס איז טאקע א רפואה. אבער דאס האט ניט געקאנט זיין. די אנשטעקעניש איז צו אלט און צופיל פארשפרייט אין דעם פוילישן קערפער — דאס בלוט איז פארגיפטעט.

דערפאר ברעכט די מכה אויס אין פארשיידענע פלעצער. פון די נייעס וואס מיר האבן די טעג באקומען זעט מען אז די מכה האט איצט אויסגעבראכן אויף די ליפן פון א גלח און אויף די שפאלטן פון א נאציאנאל־דעמאקראטישער צייטונג. וואלט עס געווען גוט ווען מען קאן די ליפן א רייב טאן — מיט זאלץ, און די צייטונג פארברענען, קאן מען דאס ניט.

וועט מען מוזן ווידער שרייען — אויסבייזערן זיך. אנשמירן — און קראצן...

זעלבסטמארד-עפידעמיע צווישן אידן אין אפריקע

(א בריוו פון יאהאנעסבורג)
(ספעצ. פאר ד. א. וו. דורך "איטא")
פון ב. אלמוני

דער קריזיס וואס האט אנגעגריפן די גאנצע וועלט האט זיך אויך פארקליבן אין דרום אפריקע. דאס לאנד וואס איז ביז מיט איניקע יאר צוריק געווען א שפע פון פרנסה פאר יעדן, וואוהין גאנץ ליטע, פון יעדער שטאט און שטעטל, האט געשטראמט זוכנדיק אן אויסלייזונג פון דער היימישער שטעטל'דיקער נויט — דאס לאנד פון גאלד און דימאנטן לעבט איצט איבער א שווערן קריזיס און די ארימקייט איז געווארן אן אפטער גאסט אין פיל אידישע הייזער. לעצטנס האט שוין דערגרייכט אזוי ווייט, אז דער קריזיס האט שוין ארויסגעריסן עטלאכע קרבנות פון די אידישע רייען.

די ארטיקע פרעסע, וועלכע פארשווייגט דעם קריזיס און האלט יעדן טאג אין אנווייזן סימנים פון קומענדיקער פראספעריטי, מאכט ניט קיין טומל פון די אפטע זעלבסטמארד פאלן. אין דער כראניק וועט איר נאר טרעפן עטלאכע ווערטער, אז דער און דער איז געפונען געווארן טויט. די סיבה — פינאנציעלע זארגן און שא, שטיל.

פאר דער לעצטער צייט האבן דא געטראפן פיר אידישע זעלבסטמארד פאלן, וועלכע האבן אונז בולט ארויסגעוויזן, אז די נויט איז צווישן די היגע אידן געווארן זייער גרויס און די געפאר פון א זעלבסטמארד עפידעמיע איז זייער שטארק.

דער איד אויף יענער זייט ים, וועט זיך געוויס וואונדערן און ניט וועלן גלויבן, ווי אזוי א שטיינער קאן עס געמאלט זיין א נויט צווישן דרום־אפריקאנער אידן אין דער צייט ווען יעטווידער הערט און לייענט אין די צייטונגען פון די גרויסע סומען געלטער וואס אפריקאנער אידן גיבן סיי אויף פאלעסטינע און סיי אויף אנדערע אויסלענדישע הילפס־צוועקן; ווי אזוי קאן עס געמאלט זיין, אז א לאנד וואס שטיצט אזוי פיל די נויט אין אויסלאנד זאל ניט קאנען פארזארגן די איינענע נויט?

אט די פראגע איז טאקע לעצטנס דא אין אפריקע אויך אויפגעוועקט געווארן. מען האט אנגעהויבן אויסרופן דעם לאזונג פון "טשאריטי בעגינס עט האם" (ד. ה. דער איינגענער ארימאן איז בילכער) אויף א אוונט וואס די היגע "בארד אוו דעפיוטיס" (ועד הקהילות) האט צוזאמענגערופן די חשובי העיר מיטן צוועק אנצוהויבן א קאמפיין אויף שאפן א פאנד פון דרייסיק טויזנט פונט, די הכנסה פון וועלכען זאל דעקן דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע וואס רעפרעזענטירט דעם היגן אידן כלפי פנים און כלפי חוץ. האט זיך ארויסגעוויזן, אז די באארד אוו דעפיוטיס, דער ראש פונם היגן אידנטום, ליידעט פון גרויס ארימקייט און עס איז אפילו צומאל ניטא קיין געלט אויף פאסט מארקעס, אז פערציק פראצענט פון די הונדערט דריי און פערציק קהילות אין לאנד וואס די "באארד" רעפרעזענטירט, האבן ניט אפגעצאלט זייער יערלאכע באשטייערונג אין דער גרויס פון פינף פונט.

אין דער זעלבער צייט אבער האבן די דאזיקע קהילות ארויסגעשיקט טויזענטער אויף פארשיידענע הילפס צוועקן קיין אויסלאנד.

מען האט שוין דא פיל מאל גערעדט און אויסגעווארפן זיך אליין אויף דער נאכלעסיקייט צו די איינענע אינסטיטוציעס (עס איז א פאקט, אז ווען ניט איינצלנע יחידים וואלטן פיל פון די היגע וויכטיקע אינסטיטוציעס געמוזט אונטערגיין). אבער די זאך בלייבט ווי געווען — טויזנטער צענדליקער און הונדערטער טויזנטער גייען ארויס פון לאנד און די ארטיקע נויט ווערט ניט געלינדערט אויף א האר.

דער אפריקאנער איד, מען מעג מיט רעכט זאגן, האט א זייער ווארימע הארץ, ער גיט מיט דער פולער האנט, אבער זיין געבן איז מער צו לינדערן דעם וויי־געשריי פון אויסלאנד אין דער צייט ווען צו דער איינענער קוועלנדיקער נויט הערט מען זיך ווייניק צו.

אט דער טרויעריקער פאקט פון אונזער היגער פילאנטראפיע פארם, פון דער איינענער נאכלעסיקייט, איז אין א געוויסער מאס שולדיק אין דער נויט וואס האט זיך פארקליבן אויך צווישן אונז דא און גענומען באדראען פיל לעבנס. און איבערהויפט פון די פריש איינגעוואנדערטע אהער פאר'ן לעצטן יאר, אידישע יונגעלייט פון ליטע און פוילן.

אט איז איינער פון די לעצטע זעלבסטמארד פרובן פון א יונגן אידישן בחור פון דער ליטע וואס איז אהער אראפגעקומען מיט א יאר צוריק:

מיט עטלאכע וואכן צוריק איז אין דער רעדאקציע אריינגעקומען א אידישער יונגערמאן אין עלטער פון א יאר צוואנציק און ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף עטלאכע אדרעסן. אין איניקע טעג ארום איז דער זעלבער יונגערמאן ווידער געקומען נאכפרעגנדיק אויב מען וועט זיינע ארטיקלען נעמען צו דרוקן. שוין פון דעם ערשטן קוק אויפן יונגערמאנס פנים האט מען געקאנט זעען, אז אין דעם מענשן ליגט פארבאהאלטן עפעס א טראגעדיע. דער גלאנץ פון די אויגן האט עפעס אויסגעזעען פארדעכטיק, אומנארמאל. מען האט לייכט געקאנט באמערקן, אז אויסערן הונגער וואס קומט ארויס פון זיינע ברוינע אויגן איז דער מענש ניט ביים פולן זינען.

דער שרייבער פון די דאזיקע שורות האט זיך פאראינטערעסירט מיטן דאזיקן יונגערמאן און ער האט אויסגעפונען פאלגנדעס:

דער יונגערמאן שטאמט פון פאנעוועזש. אהער קיין אפריקע איז ער אריבערגעקומען מיט א יאר צוריק. אין דער היים האט ער באזוכט א גימנאזיע און ווי דאס רוב פון די אידישע יונגעלייט אין דער ליטע, האט ער געטרוימט וועגן פארן קיין אפריקע און זיך איינארדענען. קיין פאך אין האנט האט ער ניט געהאט און ביים אריבערקומען אהער האט ער גענומען זוכן ארבעט. צו קיין שווערער ארבעט אין א "קאפעריטע" (א טיי הויז פאר די ארטיקע ארבעטנדע נעגערס) וואו מען דארף פאר א נישטיקן געהאלט ארבעטן כמעט א גאנצן מעת לעת, האט ער זיך ניט געקאנט צופאסן. אן אן אנדערער וועלכער עס איז ניט איז באשעפטיקונג האט ער ניט געקאנט קריגן. די ארבעטסלאזיקייט איז דא גרויס און אפילו מענשן מיט דער קענטשאפט פון דער לאנדס שפראך גייען ארום ליידיק, א פשיטא שוין אזעלכער, וואס איז נאך ווייניק באקאנט מיט דער אומגאנגס שפראך.

איז ער אזוי א לאנגע צייט ארומגעגאנגען אין קייפ־טאון און ניט געפינענדיק דארטן קיין באשעפטיקונג איז ער אראפגעקומען קיין יאהאנעסבורג. אויך דא האט ער ניט געקראגן קיין שום באשעפטיקונג און אין משך פון פינף וואכן איז אים אויסגעקומען זיך וואלגערן איבער די גאסן און אין משך פון טעג ארומגיין ניט געגעסן. די נויט האט אים אויף אזוי ווייט דערפירט, אז ער איז אריינגעפאלן אין א מרה שחורה.

מיט א וואך צוריק האט ער ווידער באזוכט די רעדאקציע פון דער אידישער צייטונג. דאס מאל האט מען שוין בולט געקאנט זעען, אז דער יונגערמאן איז גערירט פון זינען. אין דעם זעלבן אוונט נאכן באזוך אין רעדאקציע האט מען דעם בחור געפונען א געהאנגענעם. מען האט אים אראפגענומען פון דער שטריק און עס איז געלונגען אים אפצוראטעווען און אים צו פארהיטן פון א ווייטערדיקן פרוב צו באגיין זעלבסטמארד איז ער צוגענומען געווארן אין דער פאליציי, וועלכע האט אים נאך א מעדיצינישער אונטערזוכונג אפגעשיקט אין פרעטאריער שפיטאל פאר גייסטיקע קראנקע.

אט דאס איז איינע פון די שטילע טראגעדיעס וואס האבן זיך לעצטנס אפגעשפילט אין דער מדינה פון גאלד און בריליאנטן.

דער פאל איז געוויס א טרויעריקער, אבער וואלטן די גרונט סיבות פון אט דעם טראגישן פאל געשטאמט פון דעם יונגנמאן אליין, פון זיין שוואכקייט צו קאנען דורכשלעפן דעם איינענעם לעבן דורך די צייטן פון נויט, וואלט אפשר דאן דער ווייטאג געווען א קלענערער. געוויס, דאס הארץ פון א מאמען וואלט געוויינט די זעלבע זאך, א ברודער, א שוועסטער, א נאענטער קרוב וואלט טיף מיטגעלעבט מיטן אומגליק, אבער דער ברייטער המון, פאר וועמען א נאמען, און נאך דערצו פון אן אומבאקאנטן — מיינט גארניט. וואלט אפשר אין בעסטן פאל ליינענדיק די דאזיקע נייעס א זיפץ געטאן. — ווער האט דאס צייט היינט פאר פרעמדע זארגן?...

דא איז אבער די טראגעדיע א טיפערע, די שולד איז פון אונז אפריקאנער אידן אליין.

איניקע חדשים איידער דער קוואטא ביל פאר אפריקע איז אריין אין קראפט, האט יעדער איינער געאיילט אויף א וועלכן ניט איז אופן צו העלפן זיינע פריינט, באקאנטע, "ראטעווען" זיי, צו קאנען אריינכאפן זיך אין אפריקע. מען האט זיך אויף א ווילע ניט פארטראכט וועגן דעם קריזיס דא אויפן ארט און ווי אזוי וועלן די אהער אריבערגעקומענע קאנען מאכן דא א לעבן? עט, מען וועט ניט פארפאלן ווערן, אהין, אהער, מען וועט זיך אן עצה געבן. — אזוי האט דער היגער איד זיך געטראכט ביים אריבערנעמען אימיצן פון דער אלטער היים קיין אפריקע. דער היגער איד האט זיך ניט פארטראכט וועגן דעם טרויעריקן מארגן. וואס עס שטייט פאר די פריש איינגעוואנדערטע אהער אין דער שלעכטער צייט און נאך ווייניקער האט געזארגט דער אימיגראנט, וועלכער איז געווען זיכער, אז ער קומט אין א לאנד פון האניק...

און אזוי איז געשען. דער שטארקערער פון די אהער פריש אריבערגעקומענע, וועלכע האבן זיך נאך די ערשטע וואכן פון זיין אין לאנד זיך אנטוישט, האט באלד געכאפט דעם שעקל מיטן זעקל און ער האט זיך געלאזן פארן צוריק אהיים. דער שוואכערער אבער איז געבליבן שטעקן אין קלעם פון דער נויט. הילפלאז, פארצווייפלט און די פארצווייפלונג האט געטאן דאס איריקע, געוועבט דעם בייזן פארים פון זעלבסטמארד.

אט דאס זיינען די סיבות פון וואנען אזעלכע טראגעדיעס שטאמען און די שולד איז אונזערע!

און ווער ווייס וואס עס פארגרייט נאך פאר אונז דא אין אפריקע די נויט פון מארגן, אויב מען וועט אויף ווייטער פארנאכלעסיקן די איינענע ארימקייט.

("איטא")

דאס חסידיזם האט אויפגעלעבט דאס געזאנג ביי אידן

פון מ. בארבאן

ווערטער פון גוטע אידן וועגן נגינה. — חסידישע לידלאך מיט אידישע ווערטער. — א קארלינער אידיש לידל וואס קאצקער חסידים פלעגן זינגען. — א רבי וואס האט געזונגען אונגארישע לידער. — א נגונ'דל וואס דער לובלינער חוזה, ר' יעקב הארוויץ, האט געהערט זינגען אין הימל

איינע פון די וויכטיקסטע זאכן, וואס דאס חסידות האט אריינגעבראכט צווישן אידן, איז געווען די נגינה. דאס געזאנג איז געווען א הויפט מאטיוו אינ'ם חסידיזם. די גאנצע חסידישע ליטעראטור איז פול מיט ווערטלאך וואס ווייזן, ווי ווייט נגינה איז געווען א באשטאנדטייל פון חסידות. אזוי, למשל, איז באקאנט דאס חסידישע ווערטל, אז מיט נגינה קאן מען עפענען אלע טויערן פונם הימל. מיט עצבות קאן מען זיי אלע שליסן. א צווייטער ווערטל ווידער זאגט "אויב מיט געוויין קאן מען עפענען טויערן, קאן מען מיט שמחה ברעכן מויערן".

באזונדער האט פארנומען א גרויס ארט דאס זינגען ביי ר' נחמן בראסלאווער.

"זייט וויסן, — האט אמאל ר' נחמן בראסלאווער געזאגט צו זיינע תלמידים — אז יעדע חכמה באזונדער האט זיך איר נגון, וואס נאר דורך אט דעם נגון קאן עקזיסטירן די חכמה. און אפילו די חכמה פון אפיקורסות האט זיך אויך איר נגון. דערפאר ווערן דערהויבן מיטן נגון פון א צדיק אלע נשמות, וואס זיינען אריינגעפאלן אין אפיקורסות" (ליקוטי מהר"ן, ק"ד).

"דורך נגינה — זאגט ווידער ר' נחמן קאן מען קומען צו דער בחינה פון נבואה, ווארום דער עיקר דבקות אין גאט קאן נאר קומען דורך נגינה . . . ליקוטי עצות השלם, אות נגיה")."

אבער ניט בלויז אינם בראסלאווער חסידות האט געשפילט אזא גרויסע ראלע דאס זינגען.

דאס חסידות האט בכלל געשאפן א גרויסן קולט פאר געזאנג און טענץ. און אן נגינה האט קיין שום רבי נישט געפירט קיין טיש אום שבת.

ר' שניאור זלמן פון ליאדי, דער תניא, דער גרינדער פון דע חב"ד'ער חסידות, האט געזאגט, אז א חסיד, וואס קאן נישט זינגען, קאן קיין חסיד נישט זיין. און ער, דער "תניא" אליין, האט געזונגען דריי נגונים, וואס ער האט געהערט ביי זיין רבי'ן, דעם מגיד פון מעזיריטש, פונ'ם רבי'ן ר' מיכל פון זלאטשעוו און פון ר' פנחס פון קאריץ. נאך היינט זינגט מען נגונים פון דעם "תניא", וואס ווערן אנגערופן דעם רבינ'ס נגונים. און איין נגון זיינער, דער אזוי גערופענער דבקות־נגון, איז אפילו באארבעט געווארן דורך א גרויסן אידישן קאמפאזיטאר און ווערט געשפילט דורך די גרעסטע אידישע פידל קינסטלער.

א חוץ סתם נגונים, וואס חסידים פלעגן זינגען, ווען זיי האבן זיך פארדבקה'ט, זיינען אויך פאראן נגונים מיט אידישע ווערטער, וואס די רביים אליין פלעגן זינגען ביים טיש.

אזוי איז באקאנט דעם קארלינערס דבקות־ניגונ'דל, וואס א סך רביים זינגען עס נאך ביז היינט ביים טיש. עס הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

"מלאכים, שרפים ואופנים
פרעגן זיך: וואו איז גאט?
אוי, וויי.
וואס ענטפערט מען זיי?
לית אתה פנוי מיניה.
(ניטא קיין ארט וואס זאל זיין
ליידיק פון אים")."

אויך אין קאצק פלעגן די חסידים זינגען זייער אפט א לידל מיט אידישע ווערטער, וואס די אלטע קארלינער חסידים פלעגן עס זינגען. דאס לידל האבן די קאצקער חסידים איבערגענומען, ווייל עס האט זיך זייער צוגעפאסט צום קאצקער דרך אינ'ם חסידות.

דאס לידל זינגט זיך אזוי:

"נישט גערעכנט און נישט געלערנט,
אבי דעם אויבערשטן נישט דערצערנט.

וואס האבן מיר צו זארגן,
וואס עס וועט זיין מארגן?
לאמיר בעסער פארריכטן,
וואס מיר האבן קאליע געמאכט נעכטן".

און ווער קאן דען נישט דאס חסידישע לידל:

"ס'איז שוין נישט קיין נעכטן".
"ס'איז שוין נישטא קיין נעכטן",

וואס ווערט שוין היינט געזונגען פון פארשיידענע אידישע פאלקס זינגער? (ליידער האבן זיך נאך די אידישע מוזיקער נישט די מי גענומען צענויפצוזאמלען די גרויסע אוצרות פון אריגינעלע נגונים און לידער, וואס דאס חסידות האט געשאפן; פרובן זיינען שוין אפילו יא געמאכט געווארן פון איינצלנע מוזיקער ווי, למשל, פון דעם אידישן קאמפאזיטאר יואל ענגעל און אנדערע. אבער קיין גרויסע ארבעט איז נאך אויף דעם געביט נישט געטאן געווארן).

די אלטע אויבנדערמאנטע רביים האבן בלויז אריינגענומען דאס זינגען אין זייער חסידישן "דרך". ווער מער און ווער ווייניקער. געווען אבער א רבי, וואס האט געלעבט נאכן בעל שם טוב, וואס זיין עיקר עבודה איז געווען — זינגען. דאס איז געווען דער אונגארישער צדיק ר' אייזיקל קאליווער, וועלכער איז געווען — ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט — אין די יונגע יארן א פאסטוך, און שוין זייענדיק א רבי פלעגט ער פון צייט צו צייט ארויספארן אין וואלד אריין זיך צוהערן צו די נגונים, וואס די אונגארישע פאסטוכער זינגען, צושפילנדיק אויף זייערע פייפעלאך.

איינמאל איז אט דער צדיק געזעסן אין וואלד מיט זיינע חסידים און ער האט זיך צוגעהערט ווי א פאסטוך האט געזונגען א לידל מיט אט די ווערטער:

וואלד, וואלד, ווי גרויס ביזטו!
כלה, כלה, ווי ווייט ביזטו!
וואלד, וואלד, ווער אוועקגענומען,
וועל איך, כלה, צו דיר קומען!

דער רבי האט דאן צו זיינע חסידים געזאגט, אז אט דער ניגון איז א "השתוקקות"־נגון. עס הייסט: א נגון פון דעם גרויסן ביינקעניש, וואס אידען ביינקען צו דער הייליקער שכינה. נישט מער, ער, דער פאסטוך, ווייס נישט וואס ער זינגט. און ער ווייזט ארויס זיין גאנצע ביינקעניש צו דער כלה. . . אבער אין דער אמת'ן דארף מען עס זינגען אזוי:

גלות, גלות, ווי גרויס ביזטו!
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו!
גלות, גלות, ווער אוועקגענומען,
וועל איך, שכינה, צו דיר קומען!

דאס לידל ווערט ביז היינטיקן טאג געזונגען פון אלע חסידים פון ראפשיץ און סאנז.

פון דעם קאליווער רבי'ן זיינען נאך פארבליבן א סך אונגארישע לידלאך, וואס דער רבי אליין האט זיי פארפאסט. איין לידל "סאלא קאקאש מאר" (עס קריכט שוין דער האן) ווערט געזונגען אין גאנץ אונגארן אפילו ביי די גאר אויפגעקלערטע אידן.

דער צווייטער רבי אין דער חסידישער וועלט, וואס האט שטארק געהאלטן פון זינגען אלס א הויפט עבודה, איז געווען דער ראפשיצער רבי, ר' נפתלי הארוויץ. כמעט דאס גאנצע דאווענען פלעגט ער זינגען און אויף יעדער תפלה האט ער געהאט א באזונדערן נגון. א חוץ דעם האבן זיך אלע נגונים געביטן ביי אים א פאר מאל דורכן יאר. אינ'ם חודש אלול זיינען געווען ביי אים גאר אנדערע נגונים, ווי אין די "דריי וואכן", און חנוכה צייט — אנדערע נגונים, ווי אין די ספירה־טעג.

אלע ראפשיצער איניקלאך זיינען טאקע גרויסע בעלי מנגנים און א טייל רביים פון דער ראפשיצער דינאסטיע זיינען נאך היינט קאמפאזיטארן און פארפאסן אליין פארשיידענע נגונים.

פאראן א סך "סקארבאווע" ראפשיצער נגונים. וואס זיי טאר מען ניט משנה זיין און זיי מוזן ווערן געזונגען פון אלע ראפשיצער איניקלאך אן אויסנאם. איינער פון אט די נגונים'לאך איז דער נגון אויף "לאל אשר שבת". וואס ווערט געזונגען פרייטאג צו נאכט ביים טיש. דער נגון ווערט אויך אנגערופן "די מלאכים מעלאדיע" און שטאמט נאך פון דעם לובלינער "חוזה". די חסידים דערציילן וועגן דעם נגון אזא מין געשיכטע:

דער "חוזה" פון לובלין, ר' יעקב יצחק הארוויץ, איז אמאל, פרייטאג צו נאכטס ביים טיש, אריינגעפאלן אין גרויס דבקות. די חסידים האבן געזעען בחוש, אז דער רבי שוועבט אין די עולמות העליונים. עס האט אזוי געדויערט א פאר שעה. דאן האט זיך דער רבי אויפגעכאפט מיט א גרויסער שמחה און ער האט אנגעהויבן צו זינגען "לאל אשר שבת" מיט אן אומבאקאנטן נגון. נאכן זינגען האט דער רבי דערציילט די חסידים, אז ער האט געהערט אין די עולמות העליונים די מלאכים זינגענדיק שירה, זיי האבן געזונגען דעם זמר "לאל אשר שבת" טאקע מיט דעם זעלבן נגון, וואס ער האט איצט ביים טיש געזונגען. ביים טיש איז דאמאלט אויך געווען דער ראפשיצער רבי, וועלכער האט דערנאך איינגעפירט פרייטאג צו נאכט ביי דעם טיש צו זינגען פארן בענטשן "לאל אשר שבת" מיט אט דעם מלאכים־נגון. . .

אין דער חסידישער וועלט איז באקאנט נאך א נגון, וואס ווערט גערופן דער "מלאכים נגון". דאס איז דעם קאזשעניצער מגיד'ס נגון, וואס ווערט געזונגען ראש השנה אויף "אין קצה". דעם נגון האט דער קאזשעניצער מגיד געהערט זינגען אין הימל פון די מלאכים, ווען זיי האבן אריינגעפירט אין גן־עדן אריין ר' שמואל זביטקאווער פון פראגע, וועלכער האט אפגעראטעוועט פראגע פון פאגראם בעת דעם פוילישן אויפשטאנד.

א גרויסער בעל מנגן איז אויך געווען דער ראדאמסקער רבי שלמה, דער מחבר פונ'ם "תפארת שלמה".

אבער דאך זיינען פאראן רבי'שע דינאסטיעס, וואס דאס גאנצע ענין פון זינגען איז זיי אינגאנצן פרעמד. למשל, דאס בעלזער חסידות ווייסט גארנישט פון זינגען.

צוועלף קאפיקעס

(פעליעטאן)
פון משה חיקלס

. איי בעטשע איר האט שוין באלד פארגעסן וואס אזוינס א קאפיקע איז. אז מענשן זיינען טאג־ווי־נאכט איינגעטונקען אין דאלארס און אין סענטן, איז וואס איז דאס חידוש, הא?

פונדעסטוועגן שטעל איך מיך פאר אז מיר האבן נאך אין אמעריקע א היבש ביסל אידן, וואס געדיינקען נאך די צייט, ווען זיי האבן געלעבט מיט קאפיקעס, מיט גראשנס און — מיט גרייווענקעס . . . פאר זיי, האף איך, וועט ניט זיין פרעמד דער ענין פון צוועלף קאפיקעס.

ס'איז איינגנטלאך ניט בלויז צוועלף קאפיקעס. נאר ס'האנדלט זיך וועגן א פארגלייך צווישן צוועלף קאפיקעס אין א קליין סאוועטיש שטעטל און צוועלף דאלאר אין א קליין אמעריקאנער שטעטל.

ווארים וואס איז דער חילוק צווישן א פוילישן אידן און אן אמעריקאנער, ווייסט איר?

איר ווייסט ניט. א יא? איר מיינט אוודע ס'איז א רעטעניש; ניין, קיין רעטעניש איז עס ניט. נאר אויב איר טרעפט ניט. וועל איך אייך אויסזאגן. אז אן אמעריקאנער איד זאגט "ווייז גיי" און א פוילישער איד זאגט "גיי ווייס" (גיי ווייס).

דאס זעלבע נאר פארקערט.

און וואס איז דער חילוק צווישן א אידן אין א קליין שטעטל אין רוסלאנד און א שעריף אין א קליין אמעריקאנער שטעטל?

דער אונטערשייד איז צוועלף.

ניט מער, ביים אידן אין סאוועט רוסלאנד איז עס צוועלף קאפיקעס און ביים אמעריקאנער שעריף איז עס 12 דאלאר.

דערציילט מיר איינער א פריינט: ער האט ערשט, זאגט ער, געקראגן א בריוו פון זיינעם א פעטער, פון א קליין שטעטל ארום מאסקווע, שרייבט אים דער דאזיקער איד, אז איצט איז אים גוט ווי די וועלט. ווארים ארבעט איז פאראן איבער'ן קאפ. הלוואי וואלט מען נאר געקענט ארבעטן אזוי פיל. ארבעט איז פאראן פאר יעדן, וואס וויל ארבעטן און אפילו פאר אזא וואס וויל ניט . . . אזא וואס וויל ניט ארבעטן, מאכט מען אים שוין צו ארבעטן.

בקיצור, אלע ארבעטן.

וואלט דאך געדארפט זיין גאר גוט, א יא?

און איר טראכט זיך אוודע, הלואי אויף אונז געזאגט געווארן די ברכה ארבעט.

און איר טראכט שוין אוודע, אז עס וואלט זיך געלוינט צו פארזעצן דאס לעצטע קישעלע און אוועקפארן אהין, אין סאוועטן־לאנד, וואו ס'איז פאראן אזוי פיל ארבעט, ממש איבער'ן קאפ.

הערט זשע אבער וואס דער דאזיקער איד שרייבט ווייטער.

דאס איינציקע, שרייבט יענער איד, וואס מיר פעלט, איז צוועלף קאפיקעס. וועט איר דאך פרעגן וואס הייסט עס?

איז דער ענטפער פשוט:

— אלע וואס ארבעטן, שרייבט מיין פריינדס פעטער, קריגן גלייך באצאלט. יעדער קריגט טא רובל מיט אכט און אכציק קאפיקעס א טאג.

נאר וואס דען, שרייבט דער פעטער, א פונט ברויט איז איצט אין סאוועט רוסלאנד מיט געלד גלייך, שווער צו קריגן. קאסט א פונט ברויט ניט מער און ניט ווייניקער ווי צוויי רובל.

פעלט, הייסט עס, דעם דאזיקן אידן, צוועלף קאפיקעס א טאג צו זיינע פארדינסטן, אז ער זאל קאנען קויפן א פונט ברויט . . .

פון אנדערע רעדט מען שוין ניט . . . איר מיינט דאך אוודע אז דאס איז א שפאס. אז מיין פריינט האט א פעטער אין רוסלאנד, וואס עס גייט אים זייער גוט, און אז א מענטש גייט גוט, חכמה'ט ער זיך.

זייט זשע זיכער, אז ווען איר וואלט געלייענט יענעם בריוו, וואלט איר זיך איבערצייגט, אז דער איד איז אזוי ווייט פון וויצלען זיך ווי מיר אלע זיינען ווייט פון רוסלאנד. און דאס וואס ער באשרייבט איז א אמת.

האט דער דאזיקער בריוו מיך דערמאנט די געשיכטע מיט דעם אמעריקאנער שעריף. וואס האט געוועלטיקט אין אן אמעריקאנער קליין שטעטל.

ניט וויכטיק אין וועלכן שטעטל עס איז געווען. אלע שטעטלאך אין אמעריקע האבן איין פנים. און אלע פאליסלייט טראגן דעם זעלבן קלאב אין דער האנט.

וועגן דעם דאזיקן שעריף דערציילט מען, אז ביי זיך, אין זיין קליין שטעטל, איז ער געווען דער גאנצער הערשער, דער גאנצע בעל דעה. ער איז געווען דער גאווערנאר און דער מעיאר און דער שעריף און דער פייער טשיף, און אין א זונטאג פלעגט ער נאך מיטזינגען מיט'ן כאר אין טשוירטש.

אז מ'שמועסט, א מענש וואס איז געראטן אין אלצדינג!

דערצו א מענש, וואס ווייסט ווי אזוי אויסצונוצן זיין "מאכט" און ווייסט ווי אזוי צו מאכן א גרינגן גראשן.

דאס איז, מאלט אייך, געווען ניט היינט און ניט נעכטן. געווען, זאגט מען, מיט יארן צוריק, ווען פופציק דאלאר א חודש פאר א שעריף אין א קליין שטעטל, איז געווען פיינע ווייזשעס.

אבער אזוי ווי ס'קען ניט געמאלט זיין ליכט אן שאטן, און גוטס אן שלעכטס, אזוי איז אויך אונזער שעריף געווען ארומגערינגלט מיט שונאים. וואס האבן אים ניט פארגונען די פרנסה.

האבן זיי, די שונאים הייסט עס, אזוי לאנג געזוכט, ביז זיי האבן אנגעקליבן א גאנצן צעטל מיט חטאים אויף דעם דאזיקן שעריף.

ס'טייטש, האבן זיי געטענה'ט, א שעריף וואס קריגט אינגאנצן 50 דאלאר א חודש, ווי אזוי קען ער לעבן אזוי רייך?

האבן די שונאים אזוי לאנג גענישטערט, אזוי לאנג געזוכט און אזוי לאנג געגראבן, ביז די שטאט האט אנגעהויבן אן אונטערזוכונג וועגן דעם שעריפס מעשים.

ס'איז טאקע געווען ניט היינט און

(שלוס אויף זייט דריי)

צוויי מנחם מענדלס

פון נחום כיניטש

צוויי נעמען זיינען שטארק איינגעקריצט אין מיין מוח און שטענדיק שטייען אט די טיפן מענשן פאר מיינע אויגן.

צוויי מנחם מענדלס, צוויי פארשיידענע טיפן. יעדערער האט וואס צו דערציילן און זאגט זייער פיל. יעדערער פון זיי איז א שטיק אידישע געשיכטע.

ווער פון אונז קאן ניט און ווייס ניט מנחם מענדלען, שלום עליכמ'ס העלד. א ווינט מענש, וועלכער ספעקולירט אויף דער בירזשע. גליקט אים אפ איז ווער איז צו אים נאך גלייך. אז אך און וויי איז אבער צו אים ווען דער באדן הויבט זיך אן וואקלען אונטער זיינע פיס. דאן האט איר נאך ניט קיין אומגליקלאכערן ווי דער מנחם מענדל.

א צייט האט שלום־עליכם אליין אלס סוחר דורכגעמאכט דעם זעלבן סארט לעבן. און פארלירנדיק אלעס האט ער זיך אינגאנצן אפגעגעבן צו דער פען.

קינסטלעריש שילדערט "שלום עליכם" דעם הו־הא לעבן אין זיינע וואונדערבארע בריוו פון מנחם מענדלען צו זיין פרוי שיינע שיינדלען.

ביז היינטיקן טאג וואנדערט נאך מנחם מענדל פון לאנד צו לאנד און וואקלט זיך אויף זיינע פיס, וואו בעסער, וואו ערגער, אבי מען זאל אים נאר לאזן צורו. בייט זיך מנחם מענדל אויסערלאך, אבער אינערלאך איז ער דער זעלבער. אומעטום, א עליה, א הויב, א שטייג ארויף אויף וואל סטריט — הויבט ער זיך, ווערט מונטערער, צונגלאזענער, גיט ער אויף פילאנטראפישע צוועקן מיט א פולער האנט. איר דיינקט אז ס'איז ניטא נאך אזא גליקלאכער מענש, ממש א עושר וואס באדט זיך אין גאלד, איז וואס זשע פעלט אים נאך.

מיט אמאל א קראך אויף וואל סטריט: א ירידה, א בראך, פאלט מנחם מענדל און ער שלעפט מיט — נאך זיך א גאנצע קאליאסטרע.

מיט זיין פאלן, פאלן און וואקלען זיך פיל אנשטאלטן וואס האבן פיל גענאסן פון דעם לייטזעליקן מנחם מענדלען.

* * *

מנחם מענדל אוסישקין

אויך א מנחם מענדל, א מיטל געוויקסיקער, שטארק ווי א לייב, פלינק ווי א אדלער ווען עס קומט צו א כלל זאך. ארץ־ישראל איז זיין לעבן, פון די יונגע יארן אן. גערעדט, געשטורעמט און פיל געשאפן אלס פארזיצער פון אדעסער־פאלעסטינער קאמיטעט, און מיט לייב און לעבן זיך אפגעגעבן פארן ישוב ארץ־ישראל. אזוי ווערט ער ניט מיד, און ביז היינטיקן טאג שטייט ער אין דער שפיץ פון דעם נאציאנאל פאנד. ער שרייט, ברומט, פאדערט איין זאך שטענדיק — ערד! ערד!!

וואס מער אידישער באדן, אלץ שטארקער און פעסטער וועלן מיר זיין. ער האלט נאר פון פראקטישע מעשים. און אזוי גייט ער פאראויס מיט גיגאנטישע טריט און זיין אויפרוף הילכט איבעראל און קלינגט — ערד! ערד!!

ער איז דאך דאס געווען דער יעניקער וואס האט דורכגעפירט די געלונגענע קניה פון "עמק". ווען מען האט אים אויסגעווארפן אז ער האט איבערגעצאלט, האט ער אנגעמערקט: "אין אונאה לקרקעות", אין אן ערד קניה נארט מען זיך קיינמאל ניט אפ. איצט זעט מען וואס פאר א געזונטן חוש און קוק, וואס פאר א פארשטענדניש ער באזיצט.

דער "עמק" איז דאך איינער פון די ליכטיקסטע ווינקלען אין ארץ־ישראל. און אט אזוי ארבעט זיך און גייט אין זיין וועג דער נייער מאדערנער מאדערנער מנחם מענדל. וואס וויל באזעצן וואס מער אידן אויף אידישן באדן.

מנחם מענדל שלום עליכמ'ס, האט געשווינדלט, ספעקולירט;

מנחם מענדל אוסישקין, שטייט ביי דעם רודער און ווערט ניט מיד.

צוויי מנחם מענדלס — און ווי פארשיידן זיי זיינען.